

# תורת אביגדור

פאר קינדער

באארבעט פון די שיעורים
פון הרה"ג ר' אביגדור מיללער ז"ל

## שמיני

# כעס איז עבודה זרה

פרנס השבוע

לכבוד הילד החשוב יניק וחכים
כמר **אהרן יודא שלעזינגער** נ"ו
מיט ליבשאפט,
פון דיין טאטע

## פרשת שמיני

# כעס איז עבודה זרה

די מעשה איז פארגעקומען שבת פרשת שמיני. מושי און יעקב לייב זענען שוין געווען זייער איבעראשט פאר זייער ערשטע סיום וואס זיי וועלן אי"ה מאכן צוזאמען. זיי האבן צוזאמען אנגעהויבן צו לערנען משניות מסכת עבודה זרה נאך חנוכה און יעצט האבן זיי געהאפט צו מאכן א סיום דעם שבת. לויט דער לוח וואס זיי האבן אויפגעהאנגען אין זייער צימער וואלטן זיי געדארפט ענדיגן זונטאג, אבער זיי האבן מחליט געווען זיך צו צויאגן און לערנען נאך צוויי משניות אז זיי זאלן קענען מסיים זיין שבת ביי שלש סעודות.

"איז עס נישט מאדנע," פרעגט מושי פון יעקב לייב ווען זיי האבן זיך אראפגעזעצט נאכן דאווענען צו ענדיגן די לעצטע משניות, "עס זענען געווען מענטשן, און אפילו אידן וואס פלעגן אמאליגע צייטן דינען עבודה זרה?! דאס מיינט אז זיי האבן אינגאנצן פארגעסן פון השי"ת און זיך געקניט און געביקט צו א געטשקע! ווי אזוי קען איינער זיין אזוי... אזוי כ'ווייס נישט וואס...?"

"דו ביסט גערעכט," האט יעקב לייב צוגעשטימט צו מושי'ס רייד, "אויך איך האב מיך געוואונדערט אויף דעם. אפשר זאלן מיר קומען פרי צו מנחה און פרעגן הרב קליין די שאלה. און בעסער זאלן מיר קומען א האלבע שעה פריער און מיר וועלן דעמאלט ענדיגן די מסכתא ווייל יעצט דארף איך גיין צו מיין חבר שרולי. ער האט מיר גערופן צו זיין הויז און איך האב אים געזאגט אז איך וועל אי"ה קומען."

"אוי, וואס זאגסטו יעקב לייב?! האסט דאך געזאגט אז מיר וועלן יעצט ענדיגן. איך האב אפגערעדט מיט מיין חבר אז איך וועל קומען צו אים פאר מנחה. אויב מיר וועלן יעצט נישט לערנען וועלן מיר נישט ענדיגן! איז מושי געווארן אויפגערעגט.

דו ביזט נישט מיין בעלל הבבית! האט יעקב לייב צוריקגעשריגן. איך האב שוין געזאגט פאר שרולי אז איך קום יעעצט, איך מוז גיין און פארטיג!"

ניין און ניין! ס'איז נישט קיין יושר!" האט מושי געשריגן ווען זיין פנים ווערט רויטער און רויטער. דו האסט געזאגט אז מיר וועלן עס יעצט ענדיגן. פארוואס ביסטו אזא עקשן?!"

"קינדער קינדער, איז הרב קליין, דער רב פון שול צוגעקומען צו די אינגלעך. "אוי וויי, שרייען אין א שול? וואס האט פאסירט? אפשר קען איך ענק העלפן?"

מושי און יעקב לייב׳ס פנימ׳ער זענען געווארן נאכמער רויט ווי פריער אבער יעצט פאר בושה. זיי האבן נישט געוואלט דערציילן פאר הרב קליין אז זיי האבן זיך געקריגט און דערפאר האבן זיי געשריגן דעריבער האבן זיי פארדרייט דער שמועס.

״המם... מיר זענען נאר, ההמ... מיר האבן נאר א שאלה צו פרעגן. מיר לערנען צוזאמען מסכת עבודה זרה און מיר האבן געלערנט פון אלע מיני עבודה זרה׳ס און מיר קענען נישט פארשטיין ווי אזוי איז מעגליך אז אינטעליגענטע מענטשן און אפילו פרומע אידן זאלן זיך אראפבייגן און קניען צו א געטשקע וואס קען זיך נישט רירן?!״

הרב קליין האט זיך אונטערגעשמייכלט. ער האט נאר א מינוט צוריק געהערט ווי די קינדער קריגן זיך, ער האט יעצט א געלעגנהייט זיי צו לערנען א לימוד. ״דאס



איז א געוואלדיגע שאלה וואס ענק פרעגן. איך וויל ענק ווייזן א רמב"ם וואס וועט ענק העלפן בעסער פארשטיין דער ענין."

הרב קליין האט ארויסגענומען א רמב"ם הלכות דעות פון ספרים שאפע און אויפגעעפנט צו די צווייטע פרק. מיט ליבליכקייט האט ער געוויזן פאר די אינגלעך די ווערטער, " אמרו חכמים הראשונים כל הכועס כאילו עובד עבודה," די חכמים זאגן ווער עס איז אין כעס איז ווי גלייך ער דינט עבודה זרה.

ענק זעען דאס? האט הרב קליין געפרעגט, "אויב איינער ווערט אויפגערעגט איז עס אזוי ווי ער דינט עבודה זרה. סאיז זייער שווער צו פארשטיין. דאס איז אן ענין וואס הגה"צ רבי אביגדור מיללער ז"ל ברענגט א סך אין זיינע שיעורים.

אויב דו וועסט פרעגן אן אויפגערעגטער אינגל צי ער גלייבט אין באשעפער וועט ער דיר ענטפערן, 'זיכער! הונדערט פראצענט!'

אבער חז"ל לערנען אונז אז ס'איז נישט אמת. אויב דו ווערסט אויפגערעגט אויף עפעס, מיינט דאס אז דו האסט פארגעסן אז אלעס וואס קומט פאר אין דיין לעבן האט דער אויבערשטער געטון. דער אויבערשטער פירט די וועלט און אלעס וואס ער טוט איז נאר פאר אונזער טובה. און אויב דו רעגסט זיך ווייזט עס אז דו ביסט ח"ו נישט צופרידן ווי אזוי ער פירט די וועלט. דאס איז ריכטיג עבודה זרה!" הרב קליין האט געענדיגט מיט זיין הסבר אין צוריקגעלייגט דעם רמב"ם אין ספרים שאפע.

"אוי וויי, מושי, דאס מיינט אז מיר האבן געדינט עבודה זרה ווען מיר האבן זיך ארומגע'טענ'ט אויף הויכע טענער."

"יא, גערעכט יעקב לייב, איך מיין אז דאס איז טאקע דער ענטפער פון אונזער שאלה. עס קוקט אויס אז ענדיגן מסכת עבודה זרה און מאכן א סיום איז נאר דער אנהויב פון אונזער לערנען. אונזער קומענדיגער פלאן וועט זיין צו לערנען ווי אזוי צו זיין פרייליך מיט אלעם וואס קומט פאר אין אונזער לעבן. מיר דארפן בעטן דעם אויבערשטן אז מיר זאלן קיינמאל נישט ווערן אויפגערעגט און זיך ביקן צום עבודה זרה."

א גוט שבת!



**הערט די מעשה פארציילט דורך דער בארימטער מחנך**
**הרה"ג ר' משה בערגמאן שליט"א**
**קול אביגדור 718-289-0899, דרוקט 2 און דערנאך #3**